בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ס"ו**
**פרשת תולדות תשפ"א**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

זיך נישט נארן
ריבוי אור
ודברת בם ולא בדברים בטלים
זרקו מידו עלתה לו טבילה
ודוי דברים, צדקה, ראיית פני הצדיק
יעדער איינער דארף חיזוק
אומרים לו המתן
השי"ת רוצה בך
אילן שגדל מאה שנים
הניגון של הצדיק
נוסח התפילה
רבי נתן'ס ברכה
כל חכמה יש לו ניגון מיוחד משלו

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 66

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת בשלח, שנת תשל"ה

(טייפ מס' 71# - 72#)

## זיך נישט נארן

(חסרה ההתחלה) **א מענטש קען זיך אפנארן!** דאס אלעס אפנארן איז נאר, אז איך האב נישט קיין אמת'ער ישוב הדעת, מיט אן אמת'ער ישוב הדעת, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט אן אמת'ן ישוב הדעת, דאן מאכט עס אזא מין שינוי אז **די גאנצע מעשה בייט זיך איבער.**[א]

**אן אמת'ער ישוב הדעת!** ווען איך האב נישט דעם ריכטיגן ישוב הדעת דעמאלט קען זיין דאס אלעס, אבער איין ריכטיגער ישוב הדעת -

וואס זאגט דער זוהר הק', "צדיקייא אסתכלו בכל יומא כאילו האי יומא אסתלקו מעלמא"[ב] און דאס ווייסט מען אז - די גמרא זאגט[ג] - די שכינה רוהט נישט מתוך עצבות, נאר מתוך שמחה. און צדיקים האבן דאך אוודאי געהאט שמחה! און דא האבן זיי געדארפט אלע טאג קוקן - 'כאילו האי יומא אסתלקו מעלמא', קומט דאך אוים עפעס א מין עצבות? ניין! דאס מאכט נישט מרה שחורה'דיג, אז מען האט באמת אינזין דעם תכלית דאן ווערט מען נישט מרה שחורה'דיג, אדרבה עס איז א שמחה גאר.[ד]

---

[א] עי' ליקו"מ תניינא תו' י': מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם 'יִשּׁוּב הַדַּעַת'...

[ב] עי' זוה"ק פרשת ויחי דף ר"כ ע"א.

[ג] שבת ל' ע"ב.

[ד] עי' בכוכבי אור - ששון ושמחה, תפלה א' בסופו: הַמְעַיֵּן יָבִין מֵאֵלָיו שֶׁיָּסַדְתִּי תְּפִלָּתִי הַזֹּאת עַל דִּבְרֵי מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת, וּבִפְרָט בְּהִלְכוֹת פֶּסַח הֲלָכָה ט', שֶׁדַּיְקָא עַל־יְדֵי הַיִּרְאָה בָּאִים לְשִׂמְחָה, וַאֲפִלּוּ עַל־יְדֵי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ. וְכַמְרֻמָּז בְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זַ"ל מֵעִנְיַן לִישְׁרֵי לָן מַר, אָמַר לֵיהּ וַי לָן דְּמִיתְנָן וְכוּ' שֶׁהוּא תָּמוּהַּ מְאֹד וְכוּ', אַךְ עַל פִּי הַנַּ"ל יוּבְנוּ הַדְּבָרִים הֵיטֵב. כִּי הָיָה בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁאֵימַת מָוֶת שֶׁהוּא יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, לֹא הָיָה לוֹ כֹּחַ לְהַפִּיל אוֹתוֹ לְעַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם, רַק אַדְּרַבָּה וְכוּ' מִגֹּדֶל הָאֵימָה וְהַיִּרְאָה מֵהַמָּוֶת וְכוּ' הִתְחַזֵּק לְקַיֵּם דִּבְרֵי חֲכָמֵינוּ זַ"ל לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ וְכוּ' עַיֵּן שָׁם. וּמֵחֲמַת שֶׁמּוּבָא בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן יוּד שֶׁגַּם עַל־יְדֵי הַשִּׂמְחָה זוֹכִים לְיִשּׁוּב הַדַּעַת

די וועלט איז מרה שחורה, אבער אז מען טראכט פון עלמא דאתי, דעם 'תענוג' פון עלמא דאתי, דעם תענוג פון שעשוע עולם הבא! דאס איז אזא מין תענוג וואס מען קען גארנישט משער זיין דעם תענוג - וואספארא תענוג דאס איז!

דער מענטש מיינט דאך אז דער תענוג איז נאר תאוות, אכילה, שתיה, מלבושים, דאס איז דער תענוג, (אבל באמת) אזא מין תענוג נפלא איז דא וואס עס איז גארנישט שייך אויסצומאלן דעם תענוג נפלא, די נביאים האבן נישט געזעהן דעם שעשוע עולם הבא[ה], "עין לא ראתה[ו] - דער אויבערשטער אליין ווייסט וואספארא תענוג ער האט פארבאהאלטן פאר אידן", און אזא תענוג איז דא פאר מיר! אז מען טראכט דעם תענוג איז וואס דארף איך אינזין האבן די נארישקייטן?!

על כל פנים דאס ווייסט מען דאך, ממילא מען מוז אין דעם עולם - מען מוז עסן, מען מוז טרינקען, מען מוז שלאפן, אבער עפעס אזא מין תענוג שטייט דאך פאר מיר!

דאס מאכט נישט מרה שחורה, אדרבה דאס מאכט גאר פרייליך דעם מענטש, דאס איז אזא מין שמחה דאס! און וואס מען איז מער ממעט פון די תענוגים פון דער וועלט איז מען נענטער צו יענעם תענוג![ז]

"מען וועט האבן יענעם תענוג"! דער אויבערשטער פירט תמיד אוים! לעולם ידך על העליונה[ח]! נאר וואס דען, עס קען אוועקגיין א גלגול מיט א גלגול, מיט א גלגול, דער אויבערשטער מוז אויספירן זיינס! ער פירט אוים זיינס! צוליב דעם האט ער דאך געמאכט די בריאה!

אז מען איז קלוג - פארוואס דארף ער אזויפיל פארשווארצט ווערן?! לאמיך ווינציגער פארשווארצן - וועל איך דאך מאכן בעסער![ט]

---

לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ מָה הַתַּכְלִית וְכוּ' שֶׁזֶּה בְּחִינַת זִכְרוֹן יוֹם הַמָּוֶת. וְכַמּוּבָא בְּלִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק ב' סִימָן י' בְּהַתְּפִלָּה שֶׁעַל זֶה עַיֵּן שָׁם, וְנִמְצָא לְפִי זֶה שֶׁאֶחָד תָּלוּי בַּחֲבֵרוֹ, עַל־כֵּן צֵרַפְתִּי לָזֶה הָאוֹת שֶׁאַחַר זֶה שֶׁבּוֹ יְדַבֵּר הַרְבֵּה מֵעִנְיַן הַזִּכָּרוֹן הַזֶּה.

[ה] ברכות ל"ד ע"ב.

[ו] ישעיה סד, ג.

[ז] עי' ליקוטי הלכות הל' קידושין ג' - י"ח: שֶׁכָּל מִי שֶׁיָּגֵעַ יוֹתֵר בַּעֲבוֹדַת ה', וּפֵרֵשׁ אֶת עַצְמוֹ מֵהָעוֹלָם הַזֶּה בְּיוֹתֵר, וְעָשָׂה נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ בְּיוֹתֵר בֶּאֱמֶת יִזְכֶּה לְהַשָּׂגָה יְתֵרָה בְּיוֹתֵר...

[ח] פירש"י עה"פ (תהלים צב, ט) ואתה מרום לעולם ה'. עי' ליקוטי הלכות הל' שבת ז' אות מ"א.

[ט] עי' שיח שרפי קודש הנדמ"ח ח"א תרל"ג.

דאס נארט מען זיך אויך אפ, א מענטש (מיינט) - אז ער איז שוין א ברסלב'ער חסיד, וועט ער שוין נישט האבן קיין דין וחשבון דארטן.

"דער דין וחשבון וועט זיין נאך שארפער ווי פאר אנדערע - - ווייל דו האסט דאך געהאט א רבי'ן, און דו האסט נישט געפאלגט דיין רבי'ן, (מען וועט פרעגן) 'פארוואס האסטו נישט געפאלגט דיין רבי'ן??' דו וועסט זאגן דארטן, 'אוי יצרי תוקפי', (וועט מען דיך פרעגן) - "דו האסט געפאלגט דיין רבי'ן??" "האסט גערעדט צום אויבערשטן אלע טאג??" "האסט א רבי'ן געהאט! (מילא) זיי (די אנדערע) ווייסן דאך נישט, אבער דו האסט דאך געהאט אזא רבי'ן, פארוואס האסטו אזא רבי'ן נישט געפאלגט??"

ספרים מיט חברים מיט אלעס, דו האסט געהאט א 'כלי זיין', א גאנצער געצייג, פארוואס האסטו נישט געפאלגט??!

אז דו וועסט פאלגן פארט וועט זיין בעסער! אבער נישט לאזן זיך נארן! אז מען לאזט זיך נארן טויג נישט!

אז ר' עוזר - ר' עוזר איז געווען א איד וואס איז אוועקגעגאנגען אין פעלד אריין מוצאי שבת און איז אהיים געקומען פרייטיג פאר נאכט'ס, ער האט מיטגענומען אביסל דארע סוכערעס מיט וואסער, אפגעוועז יארן אזוי, ר' עוזר איז נפטר געווארן בחיי ר' נתן, האט זיך אנגערופן ר' נחמן טולטשינער צו ר' נתן'ען, "ר' עוזר קער שוין זיין ביים רבי'ן, (ראוי הוא להיות כבר אצל רבינו), (ענה מוהרנ"ת) - **'אזוי גיך איז מען פון דעם עולם ביים רבי'ן??'** (און דאס האט ער געזאגט) **"אויף ר' עוזר'ן!"** אזוי גיך איז מען פון דעם עולם ביים רבי'ן??!

הע, ער לאזט זיך אפנארן! עס איז גוט, דער רבי וועט דאך טוהן א טובה, אבער דאס זיכוך איז א זיכוך! און וואס מען האט געקענט טאן האט מען באדארפט צו טאן! 'וואס מען קען כאפן דארף מען כאפן!' און בכח פון רבי'ן קען מען כאפן וואס מער! כאפן מער, כאפ! כאפ! וואס דו קענסט כאפן כאפ, האלט אין איין כאפן! עס איז נישטא קיין צייט צו זיצן ליידיג, כאפ! דארף מען זיך נישט לאזן זיך נארן!

דער רבי האט א זאג געגעבן, **"את זה תקבלו מאתי - עטץ זאלט זיך נישט לאזן נארן! די וועלט נארט אפ!"**[1] דער רבי רעדט דאך פיל מיט התחזקות, (אבער

[1] עי' שיחות הר"ן נ"א: אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת. שֶׁלֹּא יַטְעֶה אוֹתוֹ הָעוֹלָם...

דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן, דא איז מען מיר מחזק, און דא זאגט מען לאז זיך נישט נארן! לאז זיך נישט נארן!!

❖

# ריבוי אור

(ר' יוחנן גלנט: און וואס איז ריבוי אור?) ריבוי אור איז נאר דער פשט אז איך וויל מערער און אז נישט פאל איך אראפ ביי זיך, דאס הייסט ריבוי אור.

אז איך וויל מערער פארוואס וויל איך מערער? (למשל) איך וויל דאך (אפלערנען) אזויפיל, און אויב נישט איז חיי אינם חיים, דאס טאר נישט זיין, א מענטש דארף זיך ציהען טאקע צו דער העכסטער מדריגה, אבער נישט אראפפאלן [פון די נידריגסטע] ער (הבע"ד) וועט דיך לאזן?! ער וועט דיר דאך גיבן קלעפ! פאל נישט אראפ ביי זיך! אבער וויל ווייטער![יא]

'חזק ויאמץ לבך'[יב], ואם לא נתקבל, חזור וקוה'[יג]! חזור וקוה! וואס הייסט חזור וקוה? האף ווייטער! האף ווייטער! האף ווייטער!

אבער איינער למשל ער בעט א תפילה - די גמרא זאגט[יד] דורך עיון תפילה – קומט מען לידי כאב לב. (ד. ה. א מענטש זאגט) "איך האב געבעטן, פארוואס ווער איך נישט געהאלפן, איך האב דאך געבעטן?" דאס הייסט ער איז א 'מעיין בתפילתו', זאגט די גמרא, דורכדעם קומט ער לכאב לב. (פארוואס? ווייל) אויבן הייבט מען אים אן דן צו זיין, זיין תפילה איז עפעס אזוי גרויס? 'ער האט שוין טענות - פארוואס ווערט ער

[יא] עי' ליקוטי הלכות הל' תרומות ומעשרות ג' - ג': נִמְצָא שֶׁמַּה שֶּׁהָאָדָם בּוֹעֵר לַה' יִתְבָּרַךְ חוּץ מֵהַמִּדָּה מֵחֲמַת זֶה נִכְשָׁל לְגַמְרֵי ח"ו, וְזֶה בְּחִינַת גַּסּוּת וְרוּם לֵבָב, כִּי מֵחֲמַת הַגַּאֲוּת שֶׁבִּלְבָבוֹ אֵינוֹ רוֹצֶה לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ כִּי אִם כְּשֶׁיִּזְכֶּה לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ בַּעֲבוֹדָה גָּבֹהַּ מְאֹד וְכוּ' כַּנַּ"ל, כִּי בֶּאֱמֶת אַף-עַל-פִּי שֶׁבְּוַדַּאי רָאוּי לְהָאָדָם לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי עֲבוֹדוֹת וּלְסַלֵּק עַצְמוֹ מֵהָעוֹלָם הַזֶּה לְגַמְרֵי כִּי לְכָךְ נוֹצַר, אַף-עַל-פִּי-כֵן יָקָר בְּעֵינֵי ה' יִתְבָּרַךְ כָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שֶׁעוֹשִׂין בִּשְׁבִילוֹ יִתְבָּרַךְ, עַל-כֵּן כָּל אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדְךָ לַעֲשׂוֹת בְּכֹחֲךָ עֲשֵׂה, וְאִם אֵין אַתָּה זוֹכֶה לְהִתְגַּבֵּר לַעֲשׂוֹת כָּרָאוּי לְךָ, עַל כָּל פָּנִים עֲשֵׂה מַה שֶּׁתּוּכַל הֵן מְעַט הֵן הַרְבֵּה, וְעַל כָּל פָּנִים לֹא תְּאַבֵּד עוֹלָמְךָ לְגַמְרֵי ח"ו.

[יב] תהלים כז, יד.

[יג] ילקוט שמעוני פרשת שמות רמז רמ"א.

[יד] ברכות נ"ה ע"א, אמר רבי חייא בר אבא א"ר יוחנן, כל המאריך בתפילתו ומעיין בה סוף בא לידי כאב לב.

נישט געהאלפן', איז מזכירין עונותיו - דערמאנט מען אים זיינע עוונות, עיון תפילה מזכירין עוונותיו, "ווער ביסטו?!".

תפילה איז גוט, דו האלט אין איין בעטן, אבער דו ווילסט שוין געהאלפן ווערן? אז מען הייסט אמאל צוואווארטן דארף מען צוואווארטן![טו]

און קיין שום ווארט ווערט נישט פארפאלן, אפילו א רצון ווערט נישט פארפאלן! איי איי? "קיין איי איז נישטא!" קשיות איז נישטא צו פרעגן!

אוודאי עס איז א געוואלדיגע בקיאות, עס איז א בקיאות! א שם יב"ק פון די שמות, בקי איז אותיות יב"ק[טז] ס'איז א שם פון די שמות הקדושים, א בקיאות - א מענטש זאל זיך ציהען וואס שענער, און נישט אראפפאלן וויאזוי ער איז, נישט אראפפאלן!

וואס הייסט אראפפאלן? אראפפאלן הייסט, איך הער זיך אויף צו ציהען, איך הער אויף צו וועלן, דאס הייסט אראפפאלן, איך פאל שוין אראפ, 'איך בין שוין א פארפאלענער!' איך הער אויף צו וועלן, דאס טאר מען נישט זאגן.[יז]

'איך גיי, (כאטש) מען צעקלאפט מיר דעם קאפ, מען צע'הרג'עט מיר, ניין! איך וויל ווייטער! איך וויל ווייטער! איך הער נישט אויף צו וועלן!

(ר' יוחנן: רבוי אור למשל איך וויל נישט שלאפן א גאנצע נאכט) ווער רעדט דאס? מיר רעדן נישט דערפון. מיר רעדן דערפון, אז איך גיי עסן אדער אז איך גיי דאווענען, דארף

---

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ו' - ב: וְזֶה בְּחִינַת כֶּתֶר, כִּי כֶּתֶר לְשׁוֹן הַמְתָּנָה, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חז"ל, 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין לוֹ, מָשָׁל לְאֶחָד שֶׁבָּא לִקְנוֹת אֲפַרְסְמוֹן. אוֹמְרִים לוֹ: הַמְתֵּן' וְכוּ',

[טז] ליקוטי מוהר"ן סימן ו' - ז: וְדִקְדֵּק רַבֵּנוּ ז"ל, וְקָרָא עִנְיָן זֶה בִּלְשׁוֹן בָּקִי, כִּי הִיא בְּקִיאוּת גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד, שֶׁיִּזְכֶּה לֵידַע לְיַגֵּעַ עַצְמוֹ וְלִטְרֹחַ בַּעֲבוֹדַת ה' תָּמִיד, וּלְצַפּוֹת בְּכָל עֵת לְהַגִּיעַ לְמַדְרֵגָה גְּבוֹהָה יוֹתֵר, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אַל יִפֹּל מִשּׁוּם דָּבָר, וַאֲפִלּוּ אִם יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה ח"ו, אַף־עַל־פִּי־כֵן אַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ כְּלָל, וִיקַיֵּם: "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ", כַּנַּ"ל, וְעַל־פִּי סוֹד נֶעְלָם בָּזֶה סוֹד כַּוָּנוֹת אֱלוּל הַנַּ"ל, כִּי בָּקִי הוּא בְּחִינַת שֵׁם יב"ק הַנַּ"ל, שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת בָּקִי...

[יז] ליקוטי מוהר"ן שם: וְהַפֵּרוּשׁ הַפָּשׁוּט הוּא, שֶׁמִּי שֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה, צָרִיךְ לַחֲגֹר מָתְנָיו, שֶׁיִּתְחַזֵּק עַצְמוֹ בְּדַרְכֵי ה' תָּמִיד, בֵּין בַּעֲלִיָּה בֵּין בִּירִידָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת: "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל" וְכוּ' ... שֶׁאֲפִלּוּ אִם יִפֹּל ח"ו לְמָקוֹם שֶׁיִּפֹּל, אֲפִלּוּ בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, גַּם כֵּן אַל יִתְיָאֵשׁ עַצְמוֹ לְעוֹלָם, וְתָמִיד יְחַפֵּשׂ וִיבַקֵּשׁ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וִיחַזֵּק עַצְמוֹ בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא, בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל, כִּי גַּם בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְגַם שָׁם יְכוֹלִין לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וְזֶה בְּחִינַת: "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ". וְזֶה בְּחִינַת בָּקִי בְּשׁוּב, כִּי אִי אֶפְשָׁר לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה, כִּי אִם כְּשֶׁבָּקִי בִּשְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הָאֵלּוּ...

איך וועלן דאוועגען בעסער ווי איך האב נעכטן געדאווענט? נו שוין, דאס דארף איך וועלן!

איך גיי אהיים, איך גיי זיך וואשן צום עסן, איך וויל עסן - - -

❖

# ודברת בם ולא בדברים בטלים

עס איז נישטא קיין צייט צו רעדן דברים בטלים, (נאר) תורה תפילה און יראת שמים, רעדן פון תכלית.

מען דארף זיך צולייגן אביסל, אפרוהען זיך, אויף צו רעדן דברים בטלים איז נישטא קיין צייט, אויף דעם איז נישטא קיין שום תירוץ.

יא, איך קען זיך מחיה זיין מיט א סיפור, מיט א שיחה - עס איז מיר שווער צו לערנען, דאן לערן אביסל גרינגערע זאכן, אויף דער עלטער איז שווער צו לערנען א שווערן לימוד, דאן זיי דיך מחיה מיט א גרינגערן לימוד, א גרינגערע זאך. רעדט מען מיט חברים, אבער זיצן רעדן דברים בטלים איז דאך א מושב לצים, געוואלד! אז עס זיצן צוויי מענטשן רעדן דברים בטלים איז עס א מושב לצים, דו וועסט נישט אוועק מאכן די משנה[יח], שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה איז א מושב לצים, יש ביניהם דברי תורה שכינה שרויה ביניהם, אז עס זיצן צוויי מענטשן און רעדן דברי תורה איז שכינה שרויה ביניהם.

אז עס איז א מושב ליצים מיז מען זיך אפרוקן פיר איילן, מען טאר נישט זיצן אין די פיר איילן!

❖

[יח] אבות פרק ג' משנה ב'.

# זרקו מידו עלתה לו טבילה

מען קען נישט מאכן אוים משנה, נאר וואס דען, אז איינער וויל זיך אומקערן צום אויבערשטן, און ער איז געווען אלע יארן א מושב לצים'ניק, דאן פאל נישט אראפ ביי זיך, אבי דו ווילסט? שוין! (השי"ת איז דיך) שוין מקרב צו זיך?

וואס מיינט די גמרא[יט], טובל ושרץ בידו? ער טובל'ט זיך און ער האלט דעם שרץ אין האנט, דאן איז עס נישט קיין טבילה. וואס מיינט די גמרא? ווארף אוועק דעם שרץ און טובל דיך! איי נאכדעם קומט נאכאמאל דער שרץ? ווארף אים ווייטער אוועק, אבער בשעת'ן טובל'ן - 'טובל דיך', מוז ער דאך אוועקווארפן דעם שרץ!

❖

# ודוי דברים, צדקה, ראיית פני הצדיק

דער רבי זאגט אין דער תורה פון 'אנוכי' (ליקוטי מוהר"ן סימן ד'), זאגט דער רבי דארטן, אז איינער וואס עס איז אים מבלבל דארטן אין די תפילה 'א שרץ במוחו' מען רעדט דא פון א שרץ, 'טובל ושרץ בידו', אין תורה ד', 'אכלה טינא באוסייה'[כ], עס האט זיך (אין) אים איינגעזעצט א 'שרץ קטן' (כך פירש רשב"ם שם), וואס מיינט מען א שרץ? זאגט דער רבי דארט אז אינמיטן דאווענען קומען אריין בלבולים, דאס איז א שרץ בתפילתו, 'וואס האט דער מענטש געטאן? - זאגט דער רבי, ער האט גענומען די דריי זאכן, 'ווידוי דברים און צדקה און ראיית פני הצדיק, אזוי זאגט דער רבי דארט אין דער תורה.

'בנחיריו' מיינט מען תפילה, חוטם איז תפילה, 'שנתערב שרץ היינו טומאה בתפילתו ועבודתו, ובלבל אותו, ולא היה יכול איש הישראלי הזה לעבוד עבודתו תמה", ער קען נישט דאווענען דער שרץ לאזט אים נישט, זאגט דער רבי דא, מה עשה האיש הזה? וואס האט דער מענטש געטאן? האט ער גענוצט די דריי זאכן, התקשרות צום צדיק, און געגעבן צדקה, און 'ווידוי דברים'. ער איז נישט אראפגעפאלן ביי זיך, ער האט גענוצט די דריי זאכן.

---

[יט] תענית ט"ז ע"א.

[כ] בבא בתרא ע"ג ע"ב.

און אז מען נוצט שוין מיט די דריי זאכן איז ער אויך נאך נישט פארטיג אויף כסדר, דער רבי זאגט, 'וזה בכל פעם'.[כא]

דער מענטש וואס איז געקומען פרעגן דעם רבי'ן אן עצה אויף דאווענען,[כב] דאס איז אויף כסדר? דער בעל דבר קומט נאכאמאל! נאכאמאל דאס אייגענע! נאכאמאל דאס אייגענע! אז איך הער אויף צו ווען, דאס איז א מין יאוש, ער איז זיך מייאש, ער הערט אויף צו וועלן, ער זעהט דער בעל דבר לאזט אים נישט אפ, ער מוטשעט אים, 'נע, איך זעה איך בין א פארפאלענער' 'איך קען נישט דאווענען!' דאס טויג נישט, דאס הייסט יאוש, מיט דאס דערצערנט מען דעם אויבערשטן.

אבער איך הער נישט אויף צו וועלן, איך וויל ווייטער 'דאווענען'! איך וויל ווייטער טאן גוטס! דאס איז דער וועג!

דאס הייסט 'רצוא', דאס הייסט 'עייל', איך וויל, איך וויל יא! ווארום דער בעל דבר לאזט אפ די גאנצע וועלט און נעמט זיך צו דער מענטשן וואס ער וויל, ביי אים האט ער אן עסק. דער וואס וויל נישט, וואס האב איך מיט אים געשעפטן, ער איז דאך מיינער, 'ער וויל דאך נישט', דער וואס ער וויל יא און ער זעהט אז וויפיל מען גיט אים קלעפ, און ער האלט זיך אלץ ער לאזט זיך נישט, אויף אים פארלייגט ער זיך, און אויף אים ארבעט ער.[כג]

❖

---

[כא] ליקוטי מוהר"ן שם אות ט': וְזֶה בְּכָל פַּעַם שֶׁבָּא אֵצֶל תַּלְמִיד חָכָם וּמְסַפֵּר לְפָנָיו כָּל לִבּוֹ, וְהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת משֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תִּמָּצֵא", וְעַל יְדֵי זֶה אַתָּה נִכְלָל בָּאֵין סוֹף...

[כב] עי' חיי מוהר"ן אות שכ"ט, ושיח שרפי קודש ח"ג - תצ"ז.

[כג] עי' חיי מוהר"ן אות ש"א, וליקוטי הלכות תפלת המנחה ז' אות כ"ג: וּבִפְרָט אֵלּוּ הַמִּתְעוֹרְרִין לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ וּלְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת, וְהֵם חֲלוּשֵׁי כֹּחַ וְכוּ' שֶׁעֲלֵיהֶם מִתְגַּבֵּר וְחוֹתֵר הַיֵּצֶר הָרָע יוֹתֵר וְרוֹצֶה לְהַפִּילָם ח"ו, וְהֵם מִתְיַגְּעִים לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו... ועי' עלים לתרופה מכתב תכ"ט וז"ל: וְעַל כֵּן מִתְגָּרֶה מִי שֶׁמִּתְגָּרֶה כָּל כָּךְ כָּל כָּךְ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד, בְּכָל יוֹם וָיוֹם וְכִמְעַט בְּכָל שָׁעָה, וּבִפְרָט בְּהַחֲפֵצִים וּמִשְׁתּוֹקְקִים לָצֵאת מִכְּסִילוּתָם וְלָגֶשֶׁת אֶל הַקֹּדֶשׁ שֶׁכָּל הִתְגָּרוּתוֹ רַק בָּהֶם; כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת שֶׁמַּנִּיחַ כָּל הָעוֹלָם וְאֵינוֹ מִתְגָּרֶה אֶלָּא בְּיִשְׂרָאֵל, וּמַנִּיחַ כָּל יִשְׂרָאֵל וְאֵינוֹ מִתְגָּרֶה אֶלָּא בְּתַלְמִידֵי חֲכָמִים, שֶׁהֵם הַתַּלְמִידִים וּבְנֵי הַנְּעוּרִים הַבָּאִים לְהִתְקָרֵב בְּמָקוֹם שֶׁמֵּאִיר נְקֻדַּת הָאֱמֶת...

# יעדער איינער דארף חיזוק

מיר האבן געקענט די ערליכע אידן, עפעס אזוי (סתם) זענען זיי געווארן ערליכע אידן?! דער רבי זאגט דאך אזוי,[כד] "אז צדיקים האבן אונז דערציילט", זיי האבן געהאט די אייגענע בילבולים האבן זיי געהאט, נאר וואס דען, זיי האבן זיך געהאלטן, און זיי האבן נישט געהאט פון וועמען צו הערן (התחזקות) ווען זיי זאלן געוועזן האבן ווער וואס וואלט געוועזן זאגן חזק! וואלטן זיי געלאפן געלאפן, 'ער האט נישט געהאט פון וועמען צו הערן.

דער רבי זאגט אין תורה מ"ח אין דעם אנדערן חלק, 'ער האט נישט געהאט פון וועמען צו הערן קיין התחזקות', עס איז אויף אים איבערגעגאנגען אזוי פיל, און ער האט פון קיינעם נישט געהאט צו הערן!

(כז:) אויבן זאגט דער רבי דא, - **ושמענו מצדיק אמיתי שאמר, שאלו הי' אומר לו אחד, יהי' מי שיהי', בעת שעסק בעבודת ה' בתחילתו, 'אחי חזק ואחוז עצמך', וואלט איך 'איין געלאפן', איך וואלט זיך מזרז געוועזן בעבודתו יתברך, כי גם עליו עבר כל הנ"ל, ולא הי' שומע שום התחזקות משום אדם: א צדיק, א צדיק אמיתי!**

(ר' משה בינענשטאק: 'כי גם עליו' גייט אויף יענעם צדיק צו אויפן רבי'ן?) אויף דעם צדיק! אויף דעם צדיק איז איבערגעגאנגען און ער האט נישט געהאט קיין שום התחזקות פון קיינעם!

❖

# אומרים לו המתן

על כן - זאגט דער רבי, דאס זאגט דער רבי צו אונז, מי שרוצה לכנוס בעבודת ה', זאל געדענקען דאס גוט, וחזק עצמך מאד, טוה וואס דו קענסט, וברבות הימים וועסטו אריינגיין לבטח בעזרתו יתברך און אריינגיין אין שערי הקדושה, השם יתברך איז מלא רחמים, דער אויבערשטער וויל עבודתך

---

[כד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן מ"ח.

**מאד**, ער וויל דיך יא! דער בעל דבר רעדט דאך אים איין, 'דער אויבערשטער וויל דיך גארנישט' דער אויבערשטער וויל דיך יא, ער איז מלא רחמים! נאר וואס דען, מען קען נישט כאפן, מען קען נישט לויפן, דעריבער זאגט מען דיר 'שטארק זיך' און דער רבי זאגט אין די תורה פון 'קרא את יהושע' (לקו"מ סי' ו'), 'מען זאגט אים ווארט צו', ער זאגט ער וויל קויפן אפרסמון - זאגט מען אים 'ווארט צו' 'וואס הייסט ווארט צו איך וויל דאך שוין קויפן עס איז דאך א גוטע זאך' 'דו ביסט טאקע זייער א גוטער קונה, אבער מען קען נישט כאפן! מען מוז ווארטן!' וואס זאל ער טאן דערווייל? דערווייל זאל ער בענקען און בעטן דעם אויבערשטן, האף און בעט, וועסטו זיך דערווארטן, 'מען וועט דיר פארקויפן אפרסמון!'

נישט אלע ווילן קויפן אפרסמון, א גוטע זאך אין אידישקייט, אבער מען זאגט אים, ווארט צו, זעהט מען דאך אלץ ארויס פון דער תורה 'קרא את יהושע' דער רבי האט געמיינט רבי נתן'ען מיט דער גאנצער תורה, דער ענין פון 'ידום וישתוק',[כה] אלץ האט ער אים געמיינט, אז ר' נתן איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן האט ער געזעהן אז דאס איז א גוטע זאך און ער וויל עס קויפן, האט ר' נתן געזאגט[כו], ביז מען ווערט אן איש כשר צריך להתמהמה הרבה, עס דארף אסאך געדויערן - ביז מען ווערט א איש כשר, דאס (הבקיאות הזאת) האט ער געהאט בכח פונעם רבי'ן שוין, אז מען דארף ווארטן אסאך, אז צריך להתמהמה הרבה!

ווארום די וואס זיי ווילן, און האבן נישט דעם התחזקות פונעם רבי'ן קענען טאקע ווערן משוגע, ער וויל דאך! ר' נתן האט אזוי געזאגט, "אז די וועלכע ווייסן נישט אז זיי וועלן ליגן - [מיט די פיס צו דער טיר], צו זיי רעד איך גארנישט, דער וואס יא - - פאר דעם האב איך געמאכט התחזקות, איז וועמען גיט מען התחזקות, דער וואס ער וויל זיין אן ערליכער איד, ער וויל טאקע, ער וויל![כז]

---

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן שם.

[כו] ליקוטי הלכות יו"ד הלכות ערלה הלכה ד' - י"ז: כִּי הַתִּקּוּן שֶׁל כָּל דָּבָר אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשֶׂה בְּפַעַם אֶחָד, וּבִפְרָט מִי שֶׁקִּלְקֵל כְּמוֹ שֶׁקִּלְקֵל בְּוַדַּאי צָרִיךְ לְהִתְמַהְמֵהַּ הַרְבֵּה בְּתִקּוּנוֹ, בִּבְחִינַת הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין לוֹ אוֹמְרִים לוֹ הַמְתֵּן. ועי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות י"ד.

[כז] עי' הקדמה לליקוטי הלכות מהמביא לבית הדפוס, אות ב'.

אים איז מען מחזק מיט אלע מיני התחזקות, דער האלט זיך, 'גאָט איז מיט דיר און ביי דיר און נעבן דיר' די אלע לשונות וואס דער רבי רעדט, רעדט ער נאר פון די יודן וואס זיי ווילן, זיי ווייסן אז מען וועט ליגן מיט די פיס צו דער טיר.

זיי ווייסן מען וועט אפגעבן דין וחשבון, און זיי ווייסן אלעס, און קענען (דאך) ביי זיך אראפפאלן, אים גיט מען התחזקות.

❖

# השי"ת רוצה בך

(רמ"ב: דער רבי האט אויך נישט געהאט ווער עס זאל אים זאגן, ער איז אויך געווען אליין איינגאנצן)

דער רבי זאגט 'ושמענו מצדיק אמיתי! ושמענו מצדיק אמיתי שאמר, ווען איינער זאל אים ווען זאגן, יהי' מי שיהי', יהי' מי שיהי'! זאל אים געווען זאגן ווען ער האט עוסק געווען בעבודת השם 'אחי חזק', וואלט ער איין געלאפן אזוי פיל, קיינער האט אים נישט געזאגט! און דער בעל דבר זאגט יא, ער זאגט אים, "דו ביזט א פארפאלענער, זעהסט דאך דו טוסט און דו זעהסט גארנישט, מען וויל דיך נישט!" ער זאגט יא דער בעל דבר, און דער רבי שרייט אז דער אויבערשטער איז מלא רחמים, ער וויל דיך יא, דער אויבערשטער וויל דיך יא, ער וויל יא בעבודתך מאד, דער אויבערשטער וויל דיך יא!

א מענטש וואס עס גייט אויף אים אזוי פיל איבער, און פאר אים זאגט מען, אז דער אויבערשטער איז מלא רחמים, דער אויבערשטער וויל דיך, דאס דארף ער הערן, דאס דארף ער דאך הערן!

דער רבי האט געשריגן, "געוואלד - זייט אייך נישט מייאש",[כח] האט ער דען געשריגן נאר צו די רחוקים? צו די בעלי עבירות? צו יעדן איינעם זאגט דער רבי זייט זיך נישט מייאש!

יעדער איינער וועלכער וויל עפעס א זאך און האט עס נישט, אין אידישקייט, פאלט ער אראפ ביי זיך. זאגט מען אים 'זיי דיך נישט מייאש, הער נישט אויף צו וועלן' דער דיבור גייט אויפ'ן גרעסטן און אויפ'ן קלענסטן, יעדער דיבור וואס דער רבי האט געזאגט מיינט ער דעם גרעסטן און דעם קלענסטן, דעם גרעסטן זאגט מען,

[כח] שיחות הר"ן אות קנ"ג.

'זיי דיך נישט מייאש אין זיין ערך', וואס ער וויל. און דעם קלענסטן זאגט מען, 'זיי דיך נישט מייאש אין דיין ערך'.

רבי נתן רעדט דאך עטליכע מאל, אז א יעדער דיבור וואס איז ארויס מפי רבינו הק', גייט אויפ'ן גרעסטן און אויפ'ן קלענסטן, יעדער דיבור![כט]

דער רבי רעדט נישט 'זיי דיך נישט מייאש' נאר - צו דער וואס ליגט אין שאול תחתיות, אוודאי מיינט דער רבי אים אויך, אבער ער מיינט דעם גרעסטן אויך, ווארום די גרויסע זיי ווילן גאר עפעס אנדערש, 'געוואלד, זיי דיך נישט מייאש!'

(רמ"ב: האדם צריך לעבור על גשר צר מאד - זאגט דער רבי) **יא ווייטער יא, דער עיקר איז מען זאל זיך נישט שרעקן!**

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן זיך האלטן.

❖

# אילן שגדל מאה שנים

(רמ"ב: וואס איז דער אילן פון הונדערט יאר?) יא, ביי דער תורה איז געווען - ר' מענדל'ע ליטוואק, ער איז געווען א חסיד ביים 'צמח צדק' אין האמלער. האמלער איז טיף רוסלאנד, ער איז געווען א גרויסער למדן. איז צוגעקומען צו אים איינער – און זאגט אים, 'א מענטש מאכט א ספר און שטעלט אריין, 'א בוים וואקסט הונדערט יאר![ל]' ער לאכט אים אויס, (ענה ר' מענדל'ע) - נו, יא לאמיר זעהן וואס עס שטייט פריער, האט ער געזעהן די תורה פון התחזקות, איז ער געווארן מקורב דורך דער תורה!

יענער איז געקומען אפלאכן, 'א מענטש מאכט א ספר, א בוים וואקסט הונדערט יאר?! וואס דארף איך עס וויסן? וואס פארא ספר איז דאס?! - "לאמיר זעהן וואס עס שטייט פריער!" האט ער געזעהן וואס עס שטייט פריער איז ער געווארן מקורב.

---

[כט] עי' עלים לתרופה מכתב צ': אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ שֶׁאָנוּ יוֹדְעִים מֵאוֹצְרוֹת סוֹדוֹת נִשְׂגָּבוֹת כָּאֵלֶּה, שֶׁכָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר מְחַיֶּה כָּל הַנְּפָשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אֲפִלּוּ הַגְּרוּעִים בְּיוֹתֵר שֶׁאֵין גְּרִיעוּת מֵהֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר וְכוּ' וְכוּ'. (ועוד הרבה כעין זה).

[ל] ליקוטי מוהר"ן תנינא סימן מ"ח.

און אז ער איז געווארן מקורב איז נישט נאר ער געווארן מקורב אליין, ר' ברוך אפרים! א גאנצע קבוצה פון - - -

❖

# הניגון של הצדיק

(מתוך שיעור בביהמ"ד בספה"ק ליקוטי מוהר"ן: ודע שעל ידי הניגון של הצדיק שהוא בחינת משה, הוא מעלה את הנשמות מן האפיקורסות הזאת של החלל הפנוי שנפלו לשם).[לא]

דער רבי זאגט אין תורה נ"ד, אז דער ניגון מיינט מען 'התבודדות'.[לב]

דא רעדט מען פון ניגון של הצדיק, 'אזכרה נגינתי[לג]', א ניגון פונעם צדיק!

דער רבי זאגט אין דער תורה פון 'תקעו תוכחה'[לד], דער אויבערשטער האט געזאגט צו ישעיה הנביא[לה] 'כשופ"ר הרם קולך', 'דיין קול וואס זאגט תוכחה זאל זיין אזוי ווי א ניגון', פשוט, כפול, משולש, מרובע, אזוי ווי מען זינגט א ניגון - אזוי זאלסטו זאגן מוסר, מיט א מין אהבה, מיט א מין -, דאס איז טאקע דער ניגון פונעם צדיק, די תורות פונעם צדיק דאס איז דער ניגון זיינער, דאס איז אזא מין מוסר, מיט אזא מין אהבה, אזוי ווי מען זינגט א שיר, דאס איז א 'שיר של חסד', א שיר פון ע"ב נימין, פשוט, כפול, משולש, מרובע, דאס איז דער ניגון פונעם צדיק,

און מיט דעם ניגון נעמט ער ארויס פון דעם אפיקורסות.

**"כי דע שכל חכמה וחכמה שבעולם יש לה זמר וניגון מיוחד, שזה הזמר מיוחד לחכמה זו, ומזה הזמר נמשכת החכמה הזאת, וזה בחינת 'זמרו משכיל[לו]' שכל שכל וחכמה יש לו זמר וניגון:**

---

[לא] ליקוטי מוהר"ן תורה ס"ד - סעיף ה'.

[לב] שם אות ו': וְזֶה בְּחִינַת: "אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי". בַּלַּיְלָה, שֶׁאָז הוּא פִּקְדוֹנוֹת הָרוּחוֹת, בְּחִינַת: "בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי" הַנַּ"ל, אֲזַי הַזְּמַן לְקַבֵּץ הָרוּחַ טוֹבָה מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה. הַיְנוּ שֶׁאָז עִקַּר הַזְּמַן שֶׁל הַהִתְבּוֹדְדוּת, לְהִתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לָשׂוּחַ עִם לְבָבוֹ, וּלְחַפֵּשׂ הָרוּחַ טוֹבָה, דְּהַיְנוּ הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן, לְבָרְרָם מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה. שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת נִגּוּן הַנַּ"ל...

[לג] תהלים עז, ז.

[לד] ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' ח'.

[לה] נח, א.

[לו] תהלים מז, ח.

❖

# נוסח התפילה

דער רבי האט טאקע זייער נישט געהאלטן פון די אלע חזנים[לז], ווייל נגינה - יעדער האט זיך א באזונדערער ניגון, און דער ניגון איז א געוואלדיגע זאך - דער ניגון.[לח]

דער רבי האט יא געהאלטן פון דעם נוסח, דער רבי האט טאקע געוואלט - [נוסח]

(רמ"ב: מען האט נישט געפרעגט דעם רבי'ן דאוונען בעל תפילה'יש אדער חזנ'יש האט דער רבי געזאגט חזנ'יש?)

ניין, נוסח! נוסח! דער רבי האט געהאלטן פון נוסח, נאר פונדעסטוועגן האט דער רבי אמאל צוגעשיקט א חזן וואס האט גארנישט געקענט אויך, (אחד הנוכחים: און ער האט געוויינט) יא, און ער האט געוויינט און געקלאגט, און דער רבי האט געזאגט, 'דו האסט גוט געמאכט!'

דער רבי האט דאך געהייסן (ווער עס זאל) צוגיין דאוונען, אליין איז מען נישט צוגעגאנגען, על פי רוב האט דער רבי געהייסן ר' חייקל'ען, און דעמאלט דעם ר' אורי האט דער רבי אויך געזאגט, 'גיי אריין צו חייקל - איבער'חזר'ן דעם נוסח', דעמאלט איז דאך געווען אן אויסנאם.

---

[לז] ליקוטי עצות ערך נגינה אות א': עַל־כֵּן צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד שֶׁלֹּא לִשְׁמֹעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן דְּסִטְרָא אָחֳרָא, שֶׁאֵין כַּוָּנָתוֹ בְּנִגּוּנוֹ לְשֵׁם שָׁמַיִם כְּלָל, רַק בִּשְׁבִיל מָמוֹן וְכָבוֹד וְהִתְפָּאֲרוּת, כִּי שְׁמִיעַת קוֹל נְגִינָה שֶׁלּוֹ מַזִּיק לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ. וְכֵן לְהֵפֶךְ, שְׁמִיעַת קוֹל נְגִינָה מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן טוֹב לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ. (ועי' שם אות י').

[לח] עי' שיחות הר"ן רע"ג: אָמַר, טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן, כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד, וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. ועי' ליקוטי הלכות הל' נשיאות כפים ה' אות ו': וּכְמוֹ שֶׁרוֹאִין בְּחוּשׁ שֶׁאֲפִלּוּ הָאָדָם הָרָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּמֻנָּח בַּדְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה, עַל־פִּי רֹב עַל־יְדֵי נִגּוּן נִתְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּמַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ הֵיכָן הוּא בָּעוֹלָם, רַק כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַנִּגּוּן מִמְּנַגְּנִים רְשָׁעִים אוֹ קַלִּים הַמְּצוּיִים עַכְשָׁיו בְּיוֹתֵר אֲזַי יוּכַל לְהַזִּיק לוֹ בְּיוֹתֵר כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּמָקוֹם אַחֵר (בְּסִימָן ג לִקּוּטֵי א), אֲבָל כְּשֶׁשּׁוֹמְעִים נִגּוּנִים וּזְמִירוֹת מֵאֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים בֶּאֱמֶת הַמְכַוְּנִים אֶת לִבָּם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוֹ כְּשֶׁמְּנַגֵּן בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נִגּוּן וְכַוָּנָתוֹ לַשָּׁמַיִם, יְכוֹלִים לְהִתְעוֹרֵר עַל־יְדֵי זֶה מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מאדומו"ר ז"ל כִּי עִקַּר הַחִבּוּר וְהַדְּבֵקוּת מֵעוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא מְרוֹמָם וְנִשְׂגָּב מְאֹד, בִּפְרָט מִי שֶׁחָטָא וְנִתְרַחֵק מְאֹד מֵאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הוּא עַל־יְדֵי נִגּוּן וְזִמְרָה שֶׁהוּא בְּחִינַת כָּל הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁאוֹמְרִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ... ועי' ליקוטי עצות נגינה אות ח': שְׁמִיעַת קוֹל נִגּוּן עַל כְּלִי זֶמֶר מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר לְשֵׁם שָׁמַיִם הוּא דָּבָר גָּדוֹל, כִּי עַל יְדֵי זֶה מַכְנִיעִין וּמְבָרְרִין הַמְדַמֶּה וְדוֹחִין הָעַצְבוּת רוּחַ וְזוֹכִין לְשִׂמְחָה...

אבער אזוי, איך האב געהערט אזוי, אז דער רבי פלעגט צושיקן א בעל תפילה על פי רוב האט געדאווענט ר' חייקל פאר'ן עמוד, אבער נישט אלעמאל.

דער רבי האט געזאגט ר' חייקל'ען, ער זאל זיין א מקבל און גארנישט טאן (לפרנסה) **"ווּעסטו זיין א חידוש אין דיין זאך אזוי ווי איך אין מיין זאך!"** א חידוש אין נגינה.

ער איז געווען אזא גדול, אזא מענטש, נו, אבער ער האט נישט געפאלגט, ער האט נישט געוואלט זיין קיין מקבל.

(רמ"ב: ר' נפתלי האט נישט געדאווענט? ער איז אויך געווען א מנגן!)

יא ר' נפתלי איז אויך געווען א מנגן, אבער ער האט נישט געדאווענט פאר'ן עמוד, ר' נפתלי איז געווען א מנגן און דער רבי איז אמאל אראפגעגאנגען צו אים [און אים געזאגט] 'אייער נגינה האט צוגעצויגן! בוקע רקיעים געווען', אלעס גוט, אבער דער רבי האט אים נישט געהייסן דאווענען, ר' נפתלי האט נישט געדאווענט.

(רמ"ב: אבער די שיחה (הנ"ל) האט איר געהערט?) 'נוסח'.

איך געדענק אמאל האט 'בנימין פארבער' געדאווענט אין אומאן שחרית, אין בארדיטשוב דאווענט מען ביז שמונה עשרה (בשבת) איין נוסח, מען בייט נישט איבער [דעם נוסח] ביי 'שוכן עד', אזוי ווי מען דאוונט פריער דאווענט מען נאכדעם. אבער אין אומאן האט מען דאך געביטן (אצל 'שוכן עד'), און ער האט געדאווענט דער בנימין אזוי ווי מען דאווענט אין בארדיטשוב, בקרב קדושים תתהלל וכו', אזוי ווי מען דאווענט אין בארדיטשוב. איז צוגעגאנגען ר' אברהם ר' נחמן'ס און אים געזאגט נאכ'ן דאווענען "דו זאלסט מער אזוי נישט טאן, דא דאווענט מען נישט אזוי, דא דאווענט מען נוסח אזוי ווי מען דאווענט דא, אין בארדיטשוב דאווענט מען אזוי, נישט דא." ער האט אים אפיר געהאלטן.

ר' זלמן - דער מעדוועדיווקער רב האט אזוי געזאגט, 'דער רבי האט געזאגט', **וואס אידן פארמאגן, אקדמות מיט'ן ניגון![לט] און מיר זאגן, וואס מיר פארמאגן, 'אזמר בשבחין' דעם אר"י הקדוש'ס ווערטער מיט'ן רבי'נס נגינה!**

איך האב געהערט איינער וואס האט געהערט פון ר' זלמן'ס מויל.

---

[לט] עפ"י שיחות הר"ן אות רנ"ו.

**מיר זאגן וואס מיר פארמאגן אזמר בשבחין דעם אר"י הקדוש'ס ווערטער מיטן רבי'נס נגינה!**

נגינה האט א גרויסע זאך! נגינה!

(רמ"ב: די ביידע זענען די איינציגע ניגונים פון רבי'ן טאקע? אזמר בשבחין מיט אסדר לסעודתא?) **יא** עס איז דעם רבינ'ס א תנועה. (רמ"ב: נישט מערער - עוז והדר, איז נישט פון רבי'ן?) **ניין. עוז** והדר איז פון ר' מאיר לייב בלעכער, ער איז געווען א מנגן, דער שושנת יעקב איז פון אים, די צוויי - (ניגונים) און יום ליבשה איז אלץ פון אים, ער איז א מנגן געווען, ער פלעגט אלע יאר צוגרייטן ר' נתן'ען א ניגון, פורים, חנוכה.

דער רבי זאגט דער ניגון פונעם צדיק, אזוי זאגט דער רבי, על ידי הניגון פונעם צדיק בחינת משה, נעמט ער ארויס די נשמות פון דעם אפיקורסות פון חלל הפנוי וואס זענען אריינגעפאלן לשם.

(רמ"ב: דער ניגון פון יחדשהו, וואס מען רופט די נשמות, דאס איז אויך פון רבי'ן?)[מ] **יא. דער ניגון** איז פון רבי'ן, דער ניגון איז פון רבי'ן, אזוי זאגט מען, דער רבי האט געהאט אין זיך אסאך תנועות, צדיקים פלעגן האבן תנועות. ביי התבודדות פלעגט מען האבן א מין - א נגינה פון א נוסח, א מין נגינה וואס האט צוגעצויגן.

דער שוער (ר' אהרן קיבליטשער), ווען דער שווער פלעגט זאגן חצות, איז עס געווען אזוי ווי א פידעלע וואס שפילט, עס האט געהאט א מין זיסקייט, ער איז געווען א מנגן, איך האב אים געהערט זאגן חצות אזוי ווי א פידעלע שפילט, צוגעשפילט אזוי שיין, א חיות צו הערן, נגינה, שיין,

(ר' לוי יצחק שואל אחד הנוכחים) **וואס מיינט דער רבי דא "דער ניגון פונעם צדיק?"** (ווען איך וואלט זיין א צדיק וואלט איך געוואוסט) **הע.**

ר' נחמן טולטשינער האט געדאווענט מוספים, דעם ערשטן מאל וואס ער האט געדאווענט מוסף, האט ער איינגעפאסט דעם ניגון פון 'מעין עולם הבא' אויף 'ארשת', דאס האט ר' נחמן איינגעפאסט.

[מ] עי' חיי מוהר"ן אות קי"ז, שיש"ק ח"ג אות תתס"ח.

אונזערע לייט האבן געזאגט, ר׳ נחמן - מען וועט שוין זאגן תמיד אזוי! ער האט עס אריינגעפאסט!

עס איז אן ענין פון נגינה! מען זעהט א ניגון האט א גרויסן כח.

ער איז נישט געווען קיין חזן, ער האט געהאט אין זיך אזא מין מתיקות אינעם דאווענען, אזא מין נוסח - אזא מין, אזוי ווי דער גרעסטער מנגן.

עס איז געווען ר׳ יעקב סירוקה, איז געווען דער חזן דארטן אין אומאן אין דער גרויסער שוהל, ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, און איז געווען א וועלט׳ס חזן, ער האט גע׳שמ׳ט מיט זיין דאווענען, ער איז געווען חזן אין אומאן אין דער גרויסער שוהל, אין די צייטן פון ר׳ נחמן טולטשינער. ער איז געווען א חזן פון די גרויסע ערליכע אידן. דאן פלעגט מען קומען צו לויפן פון דער שול און הערן ר׳ נחמן טולטשינער דאווענען, און מען פלעגט זאגן אז ער דאוונט שענער און מער ווי ר׳ יעקב סירוקה.

ר׳ נחמן טולטשינער - דער אמת איז דאך אזוי, אז דער גרויסער ערליכער איד וואס לייגט אריין אינגאנצן דעם מח אינעם ווארט וואס ער דאווענט ליגט דערין א געשמאקייט, ליגט טאקע דארטן דער אמת׳ער נוסח - מען זעהט אז ער ליגט דארטן מיט דעם גאנצן מח, דער עיקר איז דאך מח מיט הארץ.

ר׳ נחמן האט געהאט אזוי, איך האב געהערט זאגן, ר׳ נחמן האט געהאט א הייזעריגן קול אבער א שאגת ארי׳, די הייזעריגקייט איז געווען אזא שאגת ארי׳, מיט הייזעריגקייט.

(רמ"ב: ער איז אראפגעפאלן אמאל -) יא יא, ער דערציילט דאס, דער אלטער דערציילט, ר׳ נתן (בייטעלמאכער) האט דערציילט, אז ווען ר׳ נחמן האט געגעבן א געשריי ׳לדוד מזמור׳, איז ער געזעסן נעבן זיין פאטער, און ער איז אראפגעפאלן פון באנק פאר פחד! ער האט זיך דערשראקן.

׳דער אלטער נתן׳, איז געזעסן נעבן זיין פאטער און ר׳ נחמן האט געגעבן א געשריי, דארטן זאגט מען דאך נישט (פסוק בפסוק) דא זאגט מען פסוקים, ׳לדוד מזמור׳, איז ער אראפגעפאלן פון פחד.

די נגינה, וואס דער מענטש איז מער ערליכער איד, "ר' נחמן טולטשינער, איז דען איין קליינינקייט?!" וואספארא מח ער האט געהאט!

❖

# רבי נתן'ס ברכה

ער האט געהאט א ברכה פון ר' נתן'ען, ר' נתן איז אמאל געפארן אין א נסיעה, און ר' נחמן טולטשינער איז אויך געפארן, ר' נתן האט געכאפט א דרימל אויפ'ן וועג איז אראפגעפאלן דאס היטל, ער איז נאר געבליבן אינעם קאפל, ר' נחמן טולטשינער האט געזעהן ר' נתן פארט אן א היטל, נאר מיטן קאפל, ער וועט אריינפארן אין שטאט אריין, און אן א היטל וועט עס זיין נישט שיין, און - - - האט ער געהייסן אפשטעלן דאס פוהר'ל, און איז אראפגעלאפן, געלאפן אראפ, און געזוכט געזוכט, און האט געפונען דאס היטל, און האט עס אים געבראכט, האט ר' נתן געזאגט, "יניח ראשך על מקומו".

יניח ראשך על מקומו - האט ר' נתן אים געגעבן א ברכה, פלעגט ר' אברהם זאגן, דער טאטע האט באקומען א ברכה פון ר' נתן'ען, אז ער זאל האבן 'ישוב הדעת', ר' נחמן איז געווען א געוואלדיגער בעל ישוב הדעת, 'יניח ראשך' - - -

ר' נתן זאל אריינקומען אן א היטל?! אין א קאפל, און ביז מען וועט באקומען א היטל, - - 'ישוב הדעת', האט ער אים געגעבן א ברכה, 'יניח ראשך על מקומו',

[(ר' יוחנן גלנט: זיי פלעגן גיין סאמעטענע היטלעך) יא סאמעטענע היטלעך. (רמ"ב: אלע אדער רבי נתן'ס אייניקלעך?) אזוי א כלי קודש - (ר' יוחנן גלנט ורלוי"צ) (אחד הנוכחים: נישט מיט די גרויסע?) ניין ניין, א סאמעטן.

(רמ"ב: א קאסקעטל א סאמעטן?) אזוי ווי מען גייט היינט בגדי משי, איז מען געגאנגען א סאמעטן, נישט קיין היטל פון סחורה. (אחד שואל: שבת?) שבת איז אנדערש. אבער א כלי קודש איז געגאנגען אזוי אפילו אינדערוואכן. (אחד הנוכחים מיוצאי פוילן: א כלי קודש איז נישט געגאנגען מיט קאפעלושן) ניין, אין אומאן נישט. רבנים אויך נישט, ניין, אין אומאן איז נישט געווען קיין קאפעלושן. (רמ"ב: קיינער נישט?) ניין, אפילו רבנים אויך נישט. (רמ"ב: ר' שלום מלמד?) אויך נישט, ער איז געגאנגען א סאמעטן היטל. שבת איז ר' שלום געגאנגען מיט א קיילעכיגע היטעלע, און אינמיטן דער וואך איז ער

געגאנגען מיט א דאשיק, שבת איז ער געגאנגען אזוי קיילעכיג, אבער נישט קיין ברייטע].

❖

# כל חכמה יש לו ניגון מיוחד משלו

שכל שכל וחכמה יש לו זמר וניגון, ואפילו חכמת האפיקורסית יש לה ניגון וזמר המיוחד לחכמה האפיקורסית, דערפאר זעהט מען אין די ספרים מען זאל זיך דערוויטערן פון הערן די נגונים - זייערע נגונים זאל מען נישט הערן, ווארום דאס גאנצע אפיקורסות ליגט אין דעם ניגון, עס איז געוואלד, דער רבי איז דאך מודיע א זאך דא, און דער רבי וועט ווייטער זאגן, די אמונה ליגט אין דעם ניגון, א ניגון פון אמונה, אין דעם ניגון ליגט אמונה, און אזוי פארקערט אויך, אין דעם ניגון ליגט אפיקורסות, אז מען הערט זיך איין אין דעם ניגון, צו מען וויל זינגען דעם ניגון, ממש ליגט דאך דארטן אפיקורסות.

מען זעהט דאך דאס דאזיגע, אז מען לערנט גמרא האט עס אזא ניגון, תנ"ך אזא ניגון, יעדער זאך האט א ניגון, א ניגון איז מקובל פון אסאך, 'מען לערנט מיט א ניגון, עס איז א גרויסע זאך דאס דאזיגע'.

וזה שאמרו חז"ל, **אחר מה הוי ביה?** אחר האט געהאט אזויפיל תורה, ער איז געווען רבי מאיר'ס א רבי, וואס איז מיט אים געשעהן? פארוואס איז ער געווארן אן אפיקורס? וואס איז געווען אין אים? מה הוי ביה?

**זמרא יווני לא פסק מפומיה**[מא], די יוונים זענען געווען גרויסע אפיקורסים, פלעגט ער חזר'ן די ניגונים פון יוון, אזוי שטייט ווייטער 'וכשהיה קם מבית המדרש כמה ספרי מינין נופלין ממנו'.

די ביידע שטייט זמרא יווני, און ספרי מינין, זאגט דער רבי אז דאס איז גאר, זה תלוי בזה, כי ע"י זמר הנ"ל שלא פסק מפיו, על ידי זה היו הספרי מינין נופלין ממנו, כי זה הזמר היה מיוחד לזה האפיקורסות והמינות שהיה לו,

[מא] חגיגה ט"ו ע"ב.

אזוי ווי א ניגון דקדושה איז א גרויסע זאך, א ניגון פון א צדיק, א ניגון - אזוי וויטער א ניגון פון אפיקורסות ליגט דארטן אפיקורסות, זמרא יווני לא פסיק מפומיה.

די גמרא רעכנט דאס אלס א טעם, פון וואנעט אחר איז געווארן אן אפיקורס, ער האט געזינגען די ניגונים פון יוון, און דאס איז געווען אפיקורסות, דערפאר איז געווען ספרי מינים נופלין ממנו.

מען דארף זיך נישט גלייכן צו זיי, מיט קיין שום זאך נישט, נישט מיט קיין מלבוש, נישט מיט קיין דיבורים, און מיט קיין ניגונים נישט, ווארום אין די נגינה ליגט דארטן אפיקורסות.

**זאגט דער רבי - נמצא כל חכמה וחכמה לפי בחינתה ומדרגתה, כן יש לה זמר וניגון השייך ומיוחד אליו, וכן ממדריגה למדריגה.**


**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **אלטר וואגשאהל** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת היכנס בנו
**כמר גבריאל יודא נ"י**
לעול התורה והמצוות

מוה"ר **יושע מנחם פריעד** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת היכנס בנו
**כמר יעקב שלמה נ"י**
לעול התורה והמצוות

מוה"ר **משה יואל ווייס** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **משולם זלמן גרינבערג** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה